אַן אַרטיקל פֿאַר **אויפֿן שוועל**

מײַן לערער דבֿ סדן - אַ לערער פֿון לערער
ערשטער טייל
פֿון יחיאל שיינטוך (ירושלים)

## 1. דבֿ סדן - אַ קורצע ביאָגראַפֿיע.

דבֿ סדן איז געבוירן געוואָרן מיטן נאָמען דבֿ שטאָק, אין גאַליציע אין דער שטאָט בראָד, אין יאָר 1902. אין זײַן צײַט האָט ער באַדאַרפֿט דערקלערן זײַן באָבען וואָס איז גאָט, ווײַל זי האָט אים געפֿרעגט: ״בערעלע, וואָס איז עס אַזוינס גאָט״?

מע דערציילט אַז אַ גאַליציאַנער האָט זיך נוהג געווען צו שרײַבן דעם אות ״פֿ״ צייכענענדיק דעם אות פֿון צענטער אויף לינקס אין קרײַזן וואָס האָבן זיך געענדיקט דאָרט ווּ נאָרמאַלע ייִדיש-שרײַבערס הייבן אָן אויבן צו שרײַבן דעם אות אויף רעכטס. איז מען געקומען מיט טענות צום גאַליציאַנער: ״וואָס הייסט?! אַ ״פֿ״ שרײַבט מען פֿון אויבן אויף רעכטס, און **נישט** פֿון צענטער אין מיטן דעם אות אויף לינקס!" האָט דער גאַליציאַנער געענטפֿערט: ״פֿאַר וואָס דאַרף איך זיך אַרײַנדרייען, אין דער צײַט ווען איך קען זיך אַרויסדרייען?!״.

דבֿ סדן איז עולה געווען אין יאָר 1925, און אין יענע יאָרן איז ער געפֿאָרן ווי אַ שליח פֿון ארץ-ישׂראל קיין דײַטשלאַנד, און דאָס וואָס ער האָט דאָרט געזען האָט אים דערשיטערט: ער קלינגט אָן אין אַ שטוב בײַ גויים אין אַ גרויסער שטאָט, די באַלעבאָסטע זעט אַ מענטש וואָס זי קען נישט, הייסט זי אים צוגיין צו דעם אַרײַנגאַנג פֿון די משרתים. דבֿ סדן האָט דערציילט אַז ווען ער איז געווען אין דײַטשלאַנד בײַ אַ פּויער אין אַ פֿאַרם, האָט ער געזען אַ פֿאַרקערטע וועלט: דער שטאַל פֿון די חזירים איז געווען לויטער ריין, אָבער דער פּויער פֿלעגט זיך לייגן שלאָפֿן מיט די שטיוול גלײַך אין בעט אַרײַן.

דבֿ סדן האָט אָנגעשריבן אין יאָר 1941, בעת דער שואה, אַ ביכעלע מיטן נאָמען **הנמר וידידו המנמנם** (דער טיגער און זײַן דרעמלדיקער פֿרײַנד). אין אָט דעם חיבור אַנאַליזירט סדן די דײַטשע פֿאָלקס-מעשׂיות און באַװײַזט די אכזריות פֿון דײַטשן פֿאָלק און זײער באַציִונג צו פֿרעמדע. סדן איז געװען אין די מלחמה-יאָרן אײנער פֿון די גאָר װײניקע װאָס האָבן אַלאַרמירט אין ישׂראל קעגן די דײַטשן און זײערע מעשׂים קעגן ייִדישן פֿאָלק.

במשך יאָרן איז דבֿ סדן געװען דער רעדאַקטאָר פֿון פֿרײַטיקדיקן ליטעראַרישן טײל פֿון דער צײַטונג **דבר**.

אין יאָר 1951 איז סדן נאָמינירט געװאָרן װי דער ראָש פֿון אָפּטײל פֿאַר ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור אױפֿן העברעיִשן אוניװערסיטעט.

ביז דעם יאָר 1951 האָט מען נישט געלערנט ייִדיש אָדער ייִדישע ליטעראַטור אױפֿן העברעיִשן אוניװערסיטעט. װי באַװוּסט איז אין ארץ-ישׂראל און אויך אין מדינת-ישׂראל געװען אַ קעגנערשאַפֿט צו ייִדיש. װען מע האָט זיך דערװוּסט אַז מען עפֿנט אַ קאַטעדרע פֿאַר ייִדיש אױפֿן העברעיִשן אוניװערסיטעט, זײַנען געשען צװײ מערקװירדיקע געשעענישן: 1. קעגנער פֿון ייִדיש האָבן אָנגעהאַנגען אַ פּלאַקאַט װוּ עס איז געװען געשריבן: ״יידיש - צלם בהיכל״ (ייִדיש - אַ קרײץ אין טעמפּל פֿון די ייִדן).

די צװײטע געשעעניש איז פֿאַרבונדן דירעקט מיט דבֿ סדן. אין דעם טאָג װען מע האָט באַדאַרפֿט עפֿענען די קאַטעדרע פֿאַר ייִדיש אין יאָר 1951, דערצײלט סדן, זײַנען מענטשן אַװעק קויפֿן פֿוילע אײער און פֿרוכטן אין מאַרק פֿון מחנה יהודה און זיך געגרייט צו באַװאַרפֿן דעם װאָס װעט שטײן בראָש פֿון אַזאַ קאַטעדרע. די עפֿענונג איז געװען אין יענער צײַט, אין בנין פֿון טעראַ סאַנטאַ אין מיטן שטאָט אין ירושלים. סדן איז געװען באַװוּסט אין מדינת-ישׂראל װי אַ העברעיִשער שרײַבער און זשורנאַליסט. װען די באַװאָפֿנטע צוהערער מיט פֿוילע אײער און פֿרוכטן זײַנען געקומען צו דער דערעפֿענונג און געזען װער עס שטײט אױפֿן פּאָדיום, האָבן

זיי נישט געסמייעט אויפֿהייבן אויף אים אַ האַנט, און די דערעפֿענונג איז אַדורך בשלום. דאָס האָט סדן אַליין דערציילט.

און ווי האָט זיך דבֿ סדן צוגעגרייט צו ווערן אַ פּרעלעגענט פֿון ייִדיש און ייִדישער ליטעראַטור? האָט ער אַזוי דערציילט: אין יענער צײַט זײַנען אַלע ביכער אויף ייִדיש געווען קאָנצענטרירט אין דער ביבליאָטעק אויפֿן הר הצופים. הר הצופים איז געווען אַרומגערינגלט פֿון אַראַבישע ייִשובֿים, און נאָר אַ קליינע צאָל ישׂראלדיקע סאָלדאַטן האָט באַוואַכט הר הצופים, און זיך געביטן אַלע פּאָר וואָכן. דעמאָלט איז נאָך נישט געווען אויפֿגעבויט די נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק פֿון גבעת רם, און די ייִדישע ביכער זײַנען געבליבן אויפֿן באַלאַגערטן הר הצופים. האָט דבֿ סדן געבעטן בײַ דעם דעמאָלטדיקן ביבליאָטעקאַר הער דיסטענפֿעלד ער זאָל אָפּמאַכן מיט די סאָלדאַטן אויפֿן הר הצופים, מע זאָל אַראָפּברענגען 400 ביכער אויף ייִדיש פֿון דאָרטן. דערציילט סדן: האָב איך זיי אַלע איבערגעלייענט, און אַזוי זיך צוגעגרייט צו ווערן דער ראָש פֿון ייִדיש-אָפּטייל.

**2. ווי אַזוי האָב איך זיך געטראָפֿן מיט דבֿ סדן.**

צו ערשט האָב איך זיך געטראָפֿן מיט דער שטים פֿון דבֿ סדן, דווקא אין בוענאָס-אײַרעס אין דער המדרשה העברית, ווּ איך האָב אין עלטער פֿון 17 און 18 יאָר זיך געלערנט צו זײַן אַ לערער אין אַ ייִדישער מיטלשול. איין מאָל האָט איינער פֿון אונדזערע לערער דאָרט, אונדז געלאָזט הערן אַ טאַשמע מיט אַ רעפֿעראַט פֿון דבֿ סדן אויף העברעיִש. לויט זײַן שטים האָב איך זיך פֿאָרגעשטעלט אַז סדן איז אַ מין עוג מלך הבשן. אין דער אמתן, איז סדן געווען אַ מעטער פּופּציק די הייך, מיט אַ טיפֿן באַס. ווען איך בין עולה געווען האָב איך געוואָלט זיך טרעפֿן מיט אים ווי אַ סטודענט פֿון העברעיִשן אוניווערסיטעט. אָבער לערנען האָב איך געלערנט אין העברעיִשן אוניווערסיטעט פֿילאָזאָפֿיע און סאָציאָלאָגיע, און סדן איז געווען אַ לעקטאָר פֿון ייִדישער ליטעראַטור. אָבער, אין די 60קער יאָרן, האָט יעדער סטודענט פֿון העברעיִשן אוניווערסיטעט, נישט וויכטיק וואָס ער לערנט, **געמוזט** אויך לערנען אַ קורס צי צוויי וועגן יודאַיִסטיק. בין איך אַוועק הערן אַ קורס

בײַ דבֿ סדן װעגן ייִדישער ליטעראַטור אין פּוילן צװישן ביידע װעלט-מלחמות. אין יענע יאָרן האָט צוזאַמען מיט מיר אויך געהערט אָט דעם קורס דער שרײַבער עמוס עוז.

װען דער קורס האָט זיך געענדיקט, האָט סדן מיר צוגערופֿן און געזאָגט אַזוי: שוין צװיי יאָר אַז איך גיב אַ קורס פֿאַר אַ קלאַס פֿאַר הונדערטער תּלמידים פֿון העברעיִשן אוניװערסיטעט װאָס מוזן לערנען אַ קורס אין יודאַיִסטיק, און זיי דאַרפֿן זיך עקזאַמינירן, אָדער בײַם סוף-יאָר, אָדער בײַם סוף פֿון די װאַקאַציעס. הייסט עס אַז עס האָבן זיך אָנגעזאַמלט בײַ מיר 700 עקזאַמענעס װעלכע איך האָב נישט געהאַט גענוג צײַט צו איבערלייענען און געבן אַ צייכן. בעט איך בײַ דיר דו זאָלסט זײַן מײַן אַסיסטענט, איבערלייענען די עקזאַמענעס און געבן אַ צייכן. קלײַב זיך אויס אַ חבֿר װאָס לערנט מיט דיר בײַ מיר און קען גוט ייִדיש, און אין אַ פּאָר טעג אַרום קומט צו מיר מיט גרויסע װאַליזעס.

האָב איך געבעטן בײַ יהודה הירשפֿעלד (עופר) װאָס איז געװען אַ זון פֿון אַ באַקאַנטן אַרגענטינער לערער פֿון ייִדיש, און מיר האָבן אַ פּאָר טעג שפּעטער זיך געשלעפּט מיט צװיי װאַליזעס פֿון גבעת רם, אַראָפּ אין טאָל און אַרויף צו בית הכרם װוּ סדן האָט געװוינט אויף דער גאַס ביאַליק נומער 3. און געקומען זײַנעם מיר צוריק מיט 350 עקזאַמענעס יעדער איינער. נאָך אַ פּאָר װאָכן האָבן מיר צוריקגעגעבן די עקזאַמענעס פֿון די תּלמידים מיט אַ צייכן. עס איז אַריבער אַ װאָך, אַריבער צװיי װאָכן און דבֿ סדן שװײַגט. האָב איך טעלעפֿאָנירט צו סדנען און אים געפֿרעגט: צי האָב איך געטאָן אַ ראַיעלע אַרבעט? האָט ער מיר געזאָגט: עס איז געװען אַ תּימנער סטודענט, האָסטו אים געגעבן 5 װי אַ צייכן, האָב איך אים געגעבן 6 - װײַל עס איז פֿאַר אים גענוג װאָס ער איז דערגאַנגען צו אַ 5, אָבער 5 איז נישט גענוג אַריבערצוגיין דעם עקזאַמען, האָב איך אים געגעבן אַ 6. און נאָך עפּעס האָט געזאָגט סדן: אין קלאַס זײַנען געװען אַ פּאָר תּלמידים װאָס זענען געװען ראױ צו באַקומען אַ 10 און דו האָט זיי טאַקע געגעבן אַ 10. אויב איך געדענק, האָט עמוס עוז באַקומען בײַ מיר אַ 9.

אַ דריטע טרעפֿונג מיט דבֿ סדן, איז געווען אַן אומדירעקטע טרעפֿונג. ווען איך האָב פֿאַרענדיקט מײַנע לימודים אין לערער-סעמינאַר פֿון דער קהילה אין בוענאָס-אײַרעס און באַקומען אַן אַטעסטאַט ווי אַ יִידישער לערער פֿון אָנפֿאַנגשול, איז צו מיר געקומען אין קלאַס ישׂראל לעווינאַס, דער אינספּעקטאָר פֿון ועד החינוך פֿון דער קהילה. ער איז אויך עולה געווען פֿון אַרגענטינע, זיך באַזעצט אין ירושלים, און אין אַ שיינעם טאָג האָט ישׂראל לעווינאַס זיך געטראָפֿן אין גאַס מיט דבֿ סדן און זיי האָבן גערעדט וועגן מיר. לעווינאַס האָט מיר דערציילט אַז סדן האָט אַזוי געזאָגט: יחיאל שיינטוך הוא עקשן גדול, זה כוחו וזאת חולשתו (יחיאל שיינטוך איז אַ גרויסער עקשן, דאָס איז זײַן כּוח און דאָס איז זײַן שוואַכקייט).

3. **סדן דער לערער און דער ראָש החוג פֿון יִידיש.**

אויב איך האָב חרטה וועגן עפּעס אַ זאַך וואָס איך האָב **נישט** געטאָן אין מײַן לעבן, איז עס פֿאַרבונדן מיטן פֿאַקט וואָס ווי אַ תּלמיד פֿון דבֿ סדן במשך יאָרן, האָב איך **נישט** רעקאָרדירט זײַנע לעקציעס. דבֿ סדן בעל-פּה ווי אַ לערער אין קלאַס, איז פֿאַר אונדז תּלמידים געווען אַ קוואַל פֿון וויסן, אַ שפּרודלדיקער קוואַל, און מיר האָבן געטרונקען מיט דורשט זײַנע ווערטער. אָבער, זײַנע לעקציעס זײַנען געווען נענטער צו אַ שמועס ווי צו אַ פֿאָרמאַלער לעקציע. אָנהייבן פֿלעגט ער אָנהייבן רעדנדיק וועגן דער טעמע פֿון דער לעקציע, אָבער 10 מינוט שפּעטער פֿלעגט ער ווערן אַסאָציאַטיוו, דערציילן וויצן און זײַטיקע ענינים וואָס געהערן צו דער צווייִשפּראַכיקער קולטור פֿון יִידן אין מיזרח-אייראָפּע, ביאָגראַפֿישע פּרטים וועגן שרײַבער, און ערשט צום סוף פֿון דער לעקציע פֿלעגט ער צוריקקומען צו דער טעמע פֿון דער לעקציע. אָט די לעקציעס מיט זייערע דיגרעסיעס, זײַנען געווען באמת אַ ברייטער אַרײַנפֿיר צו דער יִידישער קולטור, און מיר די תּלמידים האָבן געהאַט אַ גרויסע הנאה אים צו הערן, און איך מיין אַז מיר האָבן אַ סך געלערנט אַ דאַנק סדנס נישט-פֿאָרמאַלער שיטה ווי אַ לערער. וואָלטן מיר רעקאָרדירט זײַנע לעקציעס, וואָלטן מיר הײַנט געהאַט אַ גרויסן אוצר פֿון וויסן און אינפֿאָרמאַציע וועגן דער יִידישער שפּראַך און קולטור.

ניש‍ט איין מאָל פֿלעגט סדן אָנווײַזן אין זײַנע לעקציעס, אויף פֿאַרשיידענע אַספּעקטן פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור וועלכע זײַנען נאָך **נישט** אויסגעפֿאָרשט געוואָרן. במשך די יאָרן האָבן זײַנע אָנווײַזונגען וועגן דעם, פֿאַרצייכנט אַ מאַפּע פֿון דער פֿאָרש-דעזידעראַטאַ - אַוועקווײַזער פֿון יענע אַספּעקטן וואָס דאַרפֿן אויסגעפֿאָרשט ווערן אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

דבֿ סדנס דיגרעסיעס זײַנען געווען פֿאַר אונדז אַ גרויסער עיקר, ווײַל אין זיי האָט ער אונדז געלערנט ווי אַזוי אַרום איז די ייִדישע ליטעראַטור וואָס איז אַלט אַרום 1000 יאָר, איז פֿאַרבונדן מיט דער העברעיִשער שפּראַך און ליטעראַטור וואָס איז אַלט 3200 יאָר. מיר האָבן פֿאַרשטאַנען אַז די קולטור פֿון די ייִדן אין מיזרח-אייראָפּע איז קודם-כּל אַ צווייששפּראַכיקע (ייִדיש און העברעיִש), און נאָך מער, אַז די ייִדישע קולטור בײַ ייִדן פֿון מיזרח-אייראָפּע איז ענג פֿאַרבונדן סײַ מיט דער סלאַווישער שפּראַך (רוסיש, פּויליש, אוקראַיִניש) און סײַ מיט דײַטש. כּדי מיר זאָלן דאָס אַלץ פֿאַרשטיין, האָט ער מן-הסתּם געמוזט **מאַכן** דיגרעסיעס, און מיר האָבן הנאה געהאַט.

נישט נאָר דאָס, סדן ווי אַ לערער איז געווען אַ מין אַריסטאָטעלעס פֿון די מאָדערנע צײַטן. נישט ווייניקער האָבן מיר, תּלמידים, געלערנט פֿון אים גייענדיק צו פֿוס פֿון אוניווערסיטעט ביז זײַן שטוב צוזאַמען מיט אים. אַריסטאָטעלעס פֿלעגט לערנען מיט זײַנע תּלמידים שפּאַצירנדיק צו פֿוס. סדן פֿלעגט נישט אויפֿהערן רעדן, דערציילן, און אַנאַליזירן די קולטור בײַ ייִדן, בעת מיר, אייניקע פֿון זײַנע תּלמידים, פֿלעגן אים באַגלייטן צו פֿוס ביז זײַן שטוב אויף דער ביאַליק גאַס נומער 3 אין בית הכרם. אָט די שיטה פֿון לערנען האָט מען אָנגערופֿן אין צײַטן פֿון אַריסטאָטעלעס ״די פּעריפּאַטעטישע שיטה״. די פּעריפּאַטעטישע שול איז געווען אַ פֿילאָזאָפֿישע שול אין אַלט גריכנלאַנד. דאָס וואָרט ״פּעריפּאַטעטיקאָס״ מיינט אין אַלט גריכיש: פֿון שפּאַצירן וועגן. סדן איז געווען באַוווּסט ווי אַ שמועס-קוואַל וואָס שווײַגט קיין מאָל נישט. ווען מיר תּלמידים פֿלעגן זיך טרעפֿן בײַ אַן אומפֿאָרמעלער טרעפֿונג צוזאַמען מיט אַנדערע לערער פֿון אונדזער אָפּטייל, איז סדן שטענדיק

געוואָרן דער צענטער פֿון אַלע שמועסן, און מיר אַלע - תּלמידים און אַנדערע לערער - זײַנען געשטאַנען אַרום אים און זיך צוגעהערט צו זײַן אומאויפֿהערלעכן רעדן.

פֿרעגט זיך אַ פֿראַגע: פֿון וואַנען האָבן געקוואַלט סדנס אומאויפֿהערלעכע רייד? מײַן ענטפֿער איז אַזאַ: דבֿ סדן האָט געלעבט אין אַ שטענדיקן דיאַלאָג מיטן ייִדישן קאָלעקטיוו אין צײַט. ער פֿלעגט קומען צו זײַנע לעקציעס אין העברעיִשן אוניווערסיטעט פֿון גבעת רם, צו פֿוס, פֿון זײַן שטוב דירעקט פֿון זײַן שרײַבטיש, און פֿלעגט צוריקגיין פֿון אוניווערסיטעט, צו פֿוס, ביז זײַן שטוב, דירעקט צו זײַן שרײַבטיש. מע דערציילט אַז אויף זײַן שרײַבטיש איז געלעגן אַ פּאַק מיט ביכער פֿון סדנס לינקער זײַט, און בײַ ענדע טאָג זענען די ביכער שוין געלעגן בײַ סדנס רעכטער זײַט. סדן האָט פּשוט איבערגעלייענט אַ בוך נאָך אַ בוך, און מיט אַ בלײַפֿעדער אין דער האַנט פֿלעגט ער מאַכן אַ צייכן אין מאַרגין פֿון בוך, יעדעס מאָל ווען ער האָט געפֿונען אַ ייִדיש ווערטל אָדער אויסדרוק. שפּעטער זענען דערשינען סדנס אַרטיקלען וועגן ייִדישע אויסדרוקן און ווערטלעך צוזאַמען מיט אַן אַנאַליז פֿון וואַנען זיי שטאַמען.

לאָמיר געבן אַ בײַשפּיל: קיינער ווייסט נישט וואָס עס מיינט ״נח מיט 7 גרײַזן״, דאָס הייסט, שרײַבן דעם נאָמען נח פֿון תּנך מיט 7 גרײַזן. איז די פֿראַגע: צי קען מען שרײַבן אַ נאָמען וואָס האָט 2 אותיות מיט 7 גרײַזן?! אין ייִדישן פֿאָלקלאָר, אַז מע וויל זאָגן אַז אַ תּלמיד שרײַבט ווערטער מיט אַן אוממעגלעכער אָרטאָגראַפֿיע, זאָגט מען: ער שרײַבט נח מיט 7 גרײַזן.

סדן האָט וועגן דעם ענין אָנגעשריבן אַ פּרעכטיקע פֿאָרשאַרבעט, און באַוויזן אַז ״נח מיט 7 גרײַזן״ שטאַמט פֿון אַן ערשטיקן אויסדרוק: ״נח מיט 7 קרײַזן״. ווי מיר ווייסן, די אותיות ״ג״ און ״ק״ טוישן זיך אין ייִדיש. מיר זאָגן ״גראַטעס״, אָבער אויך ״קראַטעס״. אין ייִדיש זאָגן מיר ״אַ קרײַצער״ אָבער אויך - ״אַ גרײַצער״, מיינענדיק דעם נאָמען פֿון אַן עסטרײַכישע מטבע.

סדן האָט באַוויזן אין זײַן אַרטיקל אַז דער אויסדרוק ״נח מיט 7 גרײַזן״, קומט פֿון אַ לערן-מעטאָדע ווי אַזוי קינדער אין חדר לערנען זיך שרײַבן: נח מיט 7 גרײַזן איז אַ גראַפֿישע שיטע צו לערנען קינדער ווי אַזוי צו שרײַבן:



4. **דבֿ סדן בעל-פּה.**

מע קען צעטיילן די מענשהייט אויף 2 מינים מענטשן. די וואָס לעבן אויס זייער לעבן ווי אַ טייל פֿון דעם קאָלעקטיוו אין רוים. דאָס הייסט - די וואָס זעען זיך אַליין ווי אַ טייל פֿון די מענטשן פֿון זייער דור, ווי אַ טייל פֿון די וואָס וווינען אין זייער שטאָט, אין זייער לאַנד און אויך אין דער גאָרער וועלט. דער צווייטער מין מענטשן, דאָס זײַנען די וואָס לעבן איבער זייער לעבן די גאַנצע צײַט ווי אַ טייל פֿון אַ קאָלעקטיוו אין צײַט. דאָס הייסט, זיי באַציען זיך צו זייער לעבן ווי צו אַ רינג אין אַן אומאויפֿהערלעכער קייט אין צײַט. אַ קייט פֿון דענקער און עקזעמפּליאַרע פֿיגורן. דבֿ סדן איז געווען איינער פֿון אָט דעם צווייטן טיפּ מענטשן.

דבֿ סדן איז אוודאי געווען געקניפּט און געבונדן אין דער געזעלשאַפֿט פֿון זײַן צײַט, זײַן שטאָט, זײַן לאַנד און זײַן דור. אָבער, ער איז געווען דער עיקר אַ מענטש וועלכער האָט באַטראַכט זײַן לעבן און אַלץ וואָס ער האָט געטאָן, ווי זיי וואָלטן קודם-כּל געהערט צו דעם קאָלעקטיוו אין צײַט. און ווי ווייס איך דאָס? וועל איך דערציילן אַ פֿאַקט וואָס איך האָב אַליין בײַגעווען.

ווען דבֿ סדן איז געוואָרן 60 יאָר אַלט האָט מען געמאַכט אַ יום-טובֿ לכּבֿוד אים, אין צענטער פֿון ירושלים, אין בית החלוצות. דאָרט האָט מען געהאַלטן רעדעס וועגן אים און צום סוף האָט סדן אַליין גערעדט. און געזאָגט האָט ער צווישן אַנדערע: ווען איך וועל נאָך מײַן לעבן זוכה זײַן קומען אין גן-עדן, האָף איך אַז עס וועלן קומען אַנטקעגן מיר די אָבֿות, אַבֿרהם, יצחק און יעקבֿ און זיי וועלן מיר אויף נעמען מיט אַ שמייכל און זאָגן. גוט האָסטו געטאָן דאָס וואָס דו האָסט געטאָן. איך בין געווען בעת סדן האָט גערעדט, און איך האָב טאַקע געהערט זײַנע רייד.

סדן האָט שטענדיק באַטראַכט יעדע דערשײַנונג, און אַלע זײַנע מעשׂים, אין די ראַמען פֿון דעם ברייטערן קאָנטעקסט אין צײַט, און דאָס האָט ער שטענדיק געטאָן ווי אַ ייִד. אין ליכט פֿון דעם וואָס איך זאָג דאָ, דאַרף מיר פֿאַרשטיין דאָס וואָס סדן האָט מיר אַ מאָל געזאָגט, ווען מיר האָבן זיך געטראָפֿן צופֿעליק אין דער פּאַרקווּקע פֿון דער נאַציאָנאַלער ביבלאָטעק אין יראשלים בײַ די טרעפּ אויף וועלכע מע גייט אַרויף צו דער ביבליאָטעק. ביידע האָבן מיר געוואָלט אַרויף צו דער ביבליאָטעק, און דאַן האָט זיך סדן פּלוצעם אָפּגעשטעלט און האָט געזאָגט: אין דער צוקונפֿט וועט מען לערנען אין אוניווערסיטעט די ייִדישע שפּראַך און ליטעראַטור, יעדער לערער לויט זײַנע פֿייקייטן בעסער צי ערגער פֿאַר אונדז. אָבער לערנען מיט תּלמידים ווי מיר לערנען הײַנט, וועט מען שוין נישט. איך האָב דאַן פֿאַרשטאַנען אַז סדן מיינט צו זאָגן, אַז דבֿ סדן, פּראָפֿעסאָר חנא שמערוק און זייער דור זײַנען געווען אײַנגעטונקען אין דער אייראָפּעישער קולטור, זיי האָבן גוט געקענט רוסיש, פּויליש, אוקראַיניש, און אַנדערע אייראָפּעישע שפּראַכן, זיי האָבן אויך אינטים געקענט ייִדישקייט, די ייִדישע מקורים, אָט די אַלע קענטענישן צוזאַמען האָבן זיי געדינט ווי לערער און פֿאָרשער פֿון

ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור. איך פֿאַרשטיי אַז סדן האָט געוואָלט זאָגן אַז די היסטאָרישע קאָניוקטור בײַם גרינדן מדינת-יראשׂל מיט דעם בײַשטײַער פֿון די וואָס האָבן עולה געווען פֿון מזרח-אייראָפּע, די וויגעלע פֿון דער קולטור בײַ ייִדן, אָט די קאָניוקטור האָט געבראַכט צו דעם אַז אין די קומענדיקע דורות וועלן די לערער און פֿאָרשער פֿון ייִדיש און ייִדישע ליטעראַטור, האָבן אַ גאָר אַנדערע אויסשולושנג. אין אָט די ווערטער פֿון דבֿ סדן, וועלכע ער האָט מיר געזאָגט דרך-אַגבֿ, איידער מיר זײַנען אַרויף אויף די טרעפּ, האָב איך געקענט דערפֿילן אַ טראָפּן עצבֿות, ווײַל סדן מיינט אַז די אינטעגראַציע פֿון אַן אייראָפּעישער קולטור און בקיאות אין ייִדישקייט, אַזאַ אינטעגראַציע וואָס איז געווען די גרויסע מעלה פֿון **זײַן** דור, וועט אפֿשר שוין נישט אָנהאַלטן אַזוי פֿעסט אין די קומענדיקע דורות. און דערפֿאַר, וועט די טראַנסמיסיע פֿון דער ייִדישער קולטור-ירושה פֿון דור צו דור אין די קומענדיקע דורות - פֿאַרשוואַכט ווערן.

און נאָך עפּעס האָט מיר סדן געזאָגט, שטייענדיק בײַ יענע טרעפּ: מיר לעבן אין אַ תקופֿה פֿון אַן אינטעררעגנום, אַ צײַט צווישן מלכויות. אויב איך געדענק, האָט מיר סדן דאָס געזאָגט בײַם סוף פֿון די 60קער אָדער אָנהייב 70קער יאָרן פֿון פֿאַרגאַנגענעם יאָרהונדער, נאָך דעם מלחמה פֿון די זעקס טעג פֿון 1967. אין יענער צײַט האָבן זיך אין דער ישׂראלדיקער געזעלטשאַפֿט אויפֿגעוועקט אַ שלל ויכּוחים פֿאַרבונדן מיט דער ייִדישער און ישׂראלדיקער אידענטיטעט, ווי אויך פֿאַרבונדן מיט דעם גורל פֿון דער מדינה.

איך האָב דאַן פֿאַרשטאַנען אַז סדן באַציט זיך צו דעם וואָס מיר רופֿן הײַנט **חילוניות** (וועלטישקייט) ווי אַן אַלטערנאַטיווע אידענטיטעט בײַ ייִדן אין ישׂראל. סדן האָט זיך באַצויגן צו אַן ערנסטן און יסודותדיקן אָפּלאָנטשען זיך פֿון דער אמונה בײַ יידן, אַן אמונה וואָס איז במשך דורות געווען די קווינטעסענץ פֿון ייִדישקייט. סדן האָט מיט זײַנע ווערטער וועגן אַן אינטעררעגנום מרמז געווען אַז וועלטישקייט, ווי אַן איינציקער עלעמענט פֿון אַ ייִדישע אידענטיטעט, וועט נעלם ווערן, און אַז אמונה וועט צוריק פֿאַרנעמען איר וויכטיקן אָרט ווי אַ באַשטאַנדטייל פֿון אַ ייִדישער אידענטיטעט.

עס איז קיין ספֿק נישט אַז פֿראַגעס וועגן אמונה, האָבן באַשעפֿטיקט דב סדנען במשך פֿון זײַן גאַנצן לעבן. דאָס ווייסן מיר, סײַ לויט זײַן ביאָגראַפֿיע און אויך לויט אַ ספּעציעלן בוך וואָס ער האָט אָנגעשריבן, אַ בוך אין וועלכן ער האָט צונויפֿגיקליבן אַלע אַרטיקלען וואָס ער האָט געשריבן אין פֿאַרבינדונג מיט פֿראַגעס וועגן אמונה. דאָס בוך הייסט, **אלך ואשובה** (איך וועל גיין און צוריק קומען). אויך אין דעם טיטל פֿון אָט דעם בוך געפֿינען מיר אַ רמז וואָס דערמאָנט זײַנע ווערטער וועגן אַן אינטעררעגנום.

דבֿ סדן איז געווען ביז גאָר קריטיש וועגן דעם ווי אַזוי די ישׂראלדיקע געזעלשאַפֿט אַנטוויקלט זיך, נאָך דער מלחמה פון די זעקס טעג. נישט געקוקט אויף דעם וואָס אר איז נישט געווען קיין פּאָליטיקער נאָר אַ גײַסטמענטש, איז ער מסכּים געווען נאך דער זעקס טאָגיקער מלחמה, צו ווערן אַ דעפּוטאַט און אַרײַן אין ישׂראלדיקען פּאַרלאַמענט, און ווערן אַ חבֿר כּנסת פון מארך (אַ צוזאַמענהעפֿט פֿון מפא״י און אַנדערע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען). אין ישׂראלדיקן פּאַרלאַמענט איז ער אָפּגעזעסן אַ קורצע צײַט, ווײַל ער האָט פֿאַרשטאַנען אַז די כּנסת איז נישט פֿאַר אים, און ער איז אַוועק פֿון דאָרטן. אַנומלט האָט סדן דערקלערט פֿאַרוואָס. ווען סדן איז אַרײַן אין דער כּנסת צום ערשטן מאָל, האָט מען אים אַרומגעפֿירט און באַוויזן דעם בנין און די מענטשן אין אים. סדן דערציילט אַז ער איז געקומען, און די פּערזאָן וואָס האָט אים אַרומגעפֿירט זיך צו באַקענען מיטן פּאַרלאַמענט האָט זיך צוגעהערט צו סדנס פֿראַגעס און אים געענטפֿערט. ווען סדן איז אַזוי אַרומגעגאַנגען, האָט ער געזען אַ מענטש וועמען ער האָט נישט געקענט. האַט ער געפֿרעגט זײַן באַגלייטער: ווער איז עס אָט דער מענטש? האָט זײַן באַגלייטער געענטפֿערט: דאָס איז דער מענטש פֿון שימון פרס. גייען זיי אַזוי ווײַטער און סדן זעט נאָך עמעצן וואָס ער קען נישט. פֿרעגט ער זײַן באַגלייטער: ווער איז אָט דער מאַן? ענטפֿערט מען אים: דאָס איז דער מענטש פֿון אויסערן מיניסטער. גייען זיי ווײַטער און סדן פֿרעג צום דריטן מאָל זײַן באַגלייטער: ווער איז עס אָט יענער מענטש וואָס איך קען נישט? דער באַגלייטער ענטפֿערט אים אַז דאָס איז דער מענטש פֿון אַן אַנדער מיניסטער. סדן האָט זיך שוין געפֿילט נישט באַקוועם ווײַל זײַן באַגלייטער האָט יעדעס מאָל געענטפֿערט אויף סדנס פֿראַגע, **נישט** ווער די מענטשן זײַנען, נאָר צו וועמען געהערן זיי. סדנס געדולט האָט זיך פֿאַרענדיקט, און ער האָט פּראָטעסטירט און געזאָגט: צי איז נישטאָ אין דער כּנסת קיין מענטש וואָס איז אַ מענטש פֿאַר זיך אַליין? סדן האָט געזוכט אין

דער כּנסת אַ פּאַרלאַמענטאַר וואָס איז אַ חבֿר אין דער פּאַרטיי פֿון זײַן אייגענעם געוויסן  און ווי עס זעט אויס האָט ער נישט געפֿונען קיין סך אַזוינע - איז ער נאָך אַ קורצער צײַט אַוועק פֿון דאָרטן.

דאָס הויז פֿון דבֿ סדן איז געווען אַ בית-ועד פֿון שרײַבער און גײַסטמענטשן. במשך יאָרן פֿלעגן אַלע שבֿת קומען צו אים מענטשן און מען איז געזעסן און געשמועסט. איך בין נישט געקומען אָפֿט, געוואָלט האָב איך, אָבער געצווּנגען פֿון לימודים און פּרנסה, האָב איך געמוזט אַרבעטן און לערנען אַפֿילו שבת. אָבער, עס איז געשען אַז סדן האָט איין מאָל אײַנגעלאַדן צו זיך אַהיים אַלע תּלמידים פֿון זײַן קלאַס אין אוניווערסיטעט. אין יענעם יאָר האָט ער געלערנט אַ קורס וועגן ש״י עגנון, און ש״י עגנון איז אויך דעמאָלט געקומען צו סדנען זיך טרעפֿן מיט די תּלמידים. מיר אַלע די תלמידים זײַנעם געזעסן אין סאַלאָן און סדן מיט עגנונען זײַנען געזעסן אויפֿן באַלקאָן, נישט ווײַט פֿון אונדז. זיי האָבן געשמועסט צווישן זיך, און מיר האָבן זיך צו געהערט. צווישן אַנדערע עניונים איז זייער שמועס דערגאַנגער צו רעדן וועגן גלגולים. יעדער איינער פֿון זיי האָט געזאָגט דעם אַנדערן, אַז ער ווייס ווּעמענס גלגול ער איז. אַזאַ מין שמועס האָט מין-הסתּם געהאַט דעם ציל צו באַטאָנען אויף וויפֿל דער **גײַסט** אין אַלגעמיין, איז אַן אומאָפּהענגיקער יש וואָס עקזיסטירט באַזונדער און איז נישט אָפּהענגיק פֿון מענטשלעכן גוף. דאָס איז געווען מין-הסתּם פֿאַרבונדן מיט עגנונס און סדנס איבערצײַגונג אַז עס עקזיסטירט אַ נאָכאַנאַנדיקע עקזיסטענץ פֿון גײַס וואָס ווערט מאַטעריאַליזירט פֿון צײַט צו צײַט אין אַנדערע מענטשן פֿון אַנדערע דורות. אָט האָבן מיר דאָ, נאָך אַ בײַשפּיל פֿון אַ שײַכות פֿון לעבעדיקע מענטשן צו דעם קאָליקטיוו אין צײַט.

המשך קומט